# גערער מעשיות.

צעה"ן שיינע מעשיות

דערצעהלט וועגען אלטען גערער רבי'ן

דעם „שפת אמת" זצ"ל

פון אלטע גערער חסידים.

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תש"ע

מיט די פאטאגראפיע פון היינטיגען גערער רבי'ן
הרב הגאון, הצדיק, מוהר"ר אברהם מרדכי אלטער
שליט"א, דער ממלא־מקומו פון „שפת־אמת" זצ"ל.

איבערגעגעבען צום דרוק דורך:

א גערער חסיד.

ווארשא תרפ"ד.
1924

# גערער מעשיות

דערצעהלט וועגען אַלטען גערער רבי'ן דעם „שפת אמת" זצ"ל פון אַלטע גערער חסידים דורך:

**אַ גערער חסיד.**



11.3227

דער היינטיגער גערער רבי, הרב הגאון הצדיק וכו' מוהר"ר אברהם מרדכי אלטער שליט"א, דער ממלא מקומו פון „שפת־אמת" זצ"ל.

# א

## „ראש־השנה" אין גער.

טויזענטער חסידים פון גאַנץ פוילען, קומען אָן אויף „ראש=השנה" קיין גער.

וואו מ׳געהט, זעהט מען חסידים, פון פערשידענע געגענטען; מיט זייער אויסשפראַך, טייל רעדען: וואַרשעווערים, טייל ליטוויש, טייל מיט די „ריש".

א גאַנצען טאָג ערב=יום=טוב. קאָכט אויפ׳ן „רבינ׳ס הויף", הונ= דערטער חסידים שטעהן ביים טהיר׳ל פון רבינ׳ס שטיבעל וואָס ווילען „שלום" נעמען.

זיי שטעהן אָב שעה׳ן. אַלע פאַר שעה נעמט דער רבי, אָן פרישע חסידים.

די געשרייען פון די יונגלעך וואָס פאַרקויפען „פאַפיר", „סאָדע= וואַסער", און אַנדערע זאַכען, מישען זיך אויס מיט די קולות פון די חסידים וואָס רופען איינער דעם צווייטען: „משה וואַרשעווער", „יענקיל סאָקאָלאָווער" א. אזוי וו.

אין אַלע אַכסניא׳ס איז פול חסידים מיט פעקלעך קומען אָן, געהן אַוועק, דינגען זיך, די בעל=אכסניא׳ס רופען זיי צוריק, די גאַנ= צע שטאָדט איז פול מיט חסידים, ס׳קאָכט ווי אַויף א יריד.

אין די אַכסניא׳ס שטעהן א סך בעטען, אַלע שטוב=זאַכען זענען אַ־ויסגעראָמט, אויסער דער טיש מיט לאַנגע בענק צום זיצען.

די אייגענטימער'ס וואוינען איבער יום־טוב — ווער אויפ'ן בוידעם, ווער אין א שטאל; שלאפען אלע צוזאמען ווי די ציגיינער.

אין שטוב זענען די בעטען ריין בעצויגען ווייסע ציכלעך, מיט קאלדרעס; די שטוב איז ווייס געקאלעכט, בעהאנגען מיט פאפירענע פוירהענגלעך, מ'דערקענט — צוגעגרייט פאר חסידים.

אלע ביער שענקען זענען פול מיט חסידים, (ספעציעלע ערב־יו"ט געסט, קיין אנדערע זעהט מען נישט) זיי טרינקען ביער, פער־בייסען ארבעס, טייל חסידים נעמען ארויס קוויטלעך אויף יו"ט, זיי זאלען קריגען ביער אהן געלט.

אין אלע געוועלבען זענען פול חסידים (ווי די זעלנער וואס קומען אן אין א קליין שטעטיל) זיי קויפען זיך איין: פאפיראסען, „אשר־יצר" פאפיר, יונגלעך קויפען זיך מעסערלעך, טייל פראווינצער חסידים, וואס מאכען „פאר זיך" יום־טוב, קויפען איין פונקט ווי א יודענע: ליכט, נאפט, זאפעלקעס, פלוימען, א ציטרין, א. ז. וו.

פארנאכט קומען אן די לעצטע פארטיעס ווארשעווער; אהן באגאזש, קליינע האנדפעקלעך: א זיידענע קאפאטע מיט א שטריימעל, טייל אין גאנצען אהן פעקלעך, זיי געהן אנגעטאן אויף זיך: די זיידענע קאפאטע, מיט'ן סאמעטען היטעל, און באלד מוצאי יו"ט פאהרען זיי צוריק.

די אכסניא'ס זענען געפאקט, די לעצטע געסט מאכען אן א טימעל, די בעל אכסניא'ס האבען נישט אזוי פול בעטען, מיט עסען אנגעגרייט, און ס'איז זיי א שאד ארויסצולאזען א „גאסט".

ס'ווערט נאכט, אלע חסידים האבען שוין וואו צו שלאפען, וואו צו עסען, ענצעלנע דרעהן זיך נאך ארום, זיי זוכען מציאות, דאס זענען קארגע, ארימערע, וואס ווילען ס'זאל זיי קאסטען ביליג, און יעצט קריגט מען שוין נישט, צו שפעט, בלאנדזשען זיי נעבעך איבער די שטיבען זוכען אנ'אכסניא.

דעם רבי'נ'ס „הויף" איז פול, טויזענטער חסידים פיהלען אן

דעם גרויסען ברייטען „הויף“; מ׳זעהט אים פון שטרייכלעך, בלויז זיי מיט אטלאס, א „רוח-קדושה“ כאפט ארום.

ס׳פיהלט זיך א ריח פון די ווייכסל, אויסגעמישט מיט צייטיגע בלומען און עפעל.

ס׳הערט זיך א געוויש ווי ביי א יב: ר ר ר ש ש ש!... קיין ווערטער הערט מען נישט, דאס זאגען די חסידים „קטורת“ פאר מנחה.

שפעטער אביסעל, הערט זיך פון בית-המדרש דעם חזנ׳ס קול: „אשרי“. מעהר הערט מען נישט, און ר ר ר ש ש ש...

דער נאך הערט מען ווייטער א קול פון בית-המדרש; וואס הערט מען נישט, דאס זאגט דער חזן קדיש פאר שמונה-עשרה.

דער גאנצער עולם ווערט שטיל. ס׳הערט זיך א געוויש ווי פון בלעטער אין וואלד, דורך א ווינד.

דאס דאווענען 6000 יודען מנחה צוזאמען.

אלע פיהלען זיך פריי: בלויז יודען, נישטא קיין פרעמדע, איי־נער קוקט נישט אויפ׳ן צווייטען ווי אויף א פרעמדען...

א „ירושלים“ געפיהל — נעמט ארום, א קיבוץ-גליות.

ווען דער חזן הייבט אן דאווענען מעריב, און ס׳דער הערט זיך זיין הויכע שטימע: ברכו!

פיהלט מען ווי 6000 יודען ענטפערען מיט א מאל:

— ברוך ה׳ המבורך לעולם ועד!

אלע דאווענען מיט איין דעה, אלע זענען אצינד גלייך, נישטא קיין רייכע, ארימע, קיין יחסנים, אלע אויסגעמישט: רבנים, דיינים, שוסטער׳ס, שניידער׳ס, עוהטים, מלמדים, סוחרים, גבירים, גרויסע חסידים, אלע איין עדה יודען.

שפעטער ווען דער חזן ענדיגט מעריב, און דער עולם הייבט זיך אן ווינשען: „לשנה טובה“, דאכט זיך ווי דאס איז פון א גרויסען טייך וואלט זיך געריסען, ארויס פון די ברעגעס, שטראמט פון אלע זייטען: דורך אלע טויערען און טהירען געהט מען, אלע גיבען זיך

די גענד. אַלע ווינשען זיך, ברידערלעך, נישטאָ קיין פּירוד=הלבבות, אַלץ זענען ברידער יודען.

דער עולם צוגעהט זיך: איבער די גאַסען, הינטערגעסלאַך, ציהט זיך אַ שטראָם ווי פון אַ אויסגעגאָסענעם טײַך, טויזענטער חסידים, אַלע איין קאָליר שוואַרץ, שטראָמט, צו געהן זיך איבערן שטעדטעל, פערשווינדען אין די הייף, ס'הערט זיך אַ פרעהליך שמועסען, טײל שרײַען, רופען זיך בײַ די נעמען, אין די גאַסען פיהלט מען אַ יודישע „מלוכה"...

קײנער טשעפּעט נישט, אַלע געהן פרײַ אין די שטרײַמלעך אַטלעסענע קאַפּאָטעס. יודישלעך.

דורך די פענסטער הערט מען „קידוש מאַכען", דער עולם עסט מיט אַפּעטיט, פרעהליך, די קולות מיט די געזאַנגען צוטראָגען זיך איבער די גאַנצע שטאָדט.

דאָס עסען דויערט אַ פּאָר שעה.

נאָכ'ן עסען ציהט זיך צוריק אַ שטראָם טויזענטער חסידים פון „הויף", צום רבינ'ס „טיש".

אין בית המדרש איז ליכטיג, גרויסע לאָמפּען, אַ סך ליכט, בײַ'ם גרויסען פיער עקענדיגען טיש; אַרום מיט הויכע בענק מיט הענט, שטעהן 100-ער יונגעלײַט שטופען זיך, פאַרנעמען פּלעצער צו הערען און זעהן דעם „טיש", מיט'ן רבי'ן.

א טײל פון עולם וואָס קומען צוריק אין בית-המדרש, דרעהן זיך אַרום איבער'ן בית המדרש. שמועסען צווישען זיך פרעהליך, אײנער דערצעהלט דעם צווײטען ווי ס'איז איהם דערגאַנגען ... סעודה.

טײל בעקענען זיך מיט אַלטע בעקאַנטע, טײל זינגען נײַע נגינים, טײל ענטזעסען אין לערנען, פשט'לען זיך.

... האָט שפּעטער, ווערט אַלץ ענגער בײַ'ם „טיש", דער עולם ליבט אײנער אויפ'ן צווײטען, פּלוצים הערט זיך: ש ש א אַ אַ אַ!

דער רבי געהט צום „טיש".

ביי'ם „טיש" זיצען בלויז רבנים, חשובי חסידים, גרויסע גבירים דער גאנצער „טיש" איז איינגעלאדען פון ערב יום טוב.

אונטערן „טיש" זיצען א חברה יונגעלייט, זיי זיצען נעבען רבי'ן צו הערען „תורה".

פון בייטאג אן זיצען זיי—זיי פארכאפען ערטער.

צום טיש הייבט מען אן ארייגדערלאנגען פיש, ביי'ם „ג שׂ" הערט מען דאס קול פון משמש, ער טיילט, רופט נעמען, דערלאנגט אריין חלות, בראנפען, לעפעל־מעסער.

נאך די פיש, הויבט מען אן זינגען זמירות, זעהר שיינע נגינים: דאס זינגט די „קאפעליע". נאך די זמירות, גיט מען אריין יויך. נאכהער פלייש, קאמפאט, דערנאך גיט מען אריין וויין; דא הערט שטיל, דער רבי געהט זאגען „תורה".

דער רבי הויבט אן: „ראש השנה" דאווענט מען די דריי תפילות: „מלכיות, זכרונות, שופרות".

„יעדער יוד דארף ראש השנה מקבל זיין אויף זיך דעם „עול מלכות־שמים".

יעדער יוד דארף זיך מוסר־נפש זיין אויף די דריי־זאכען: „עבודה זרה", „גילוי עריות", „שפיכות דמים", דאס זענען גלייך: צו „בכל לבבך, נפשך, מאודך".

„עבודה זרה—איז בלבבך".

„גילוי עריות—איז בנפשך".

„שפיכות דמים—איז במאודך".

דאס איז דער פשט פון „מלכיות"—נישט עבודה־זרה, „זכרונות"—נישט „גילוי עריות", „שופרות"—נישט „שפיכות דמים"!

ווען דער רבי ענדיגט די „תורה", ווערט א גערויש, אלע חסידים ווערען נתפעל, ס'גיט איבער איינער דעם צווייטען, וואס איינער האט נישט דערהערט. די סעודה דויערט ביז 2—3 בייגאכט.

נאָך די סעודה צוגעהט זיך דער עולם איבער׳ן „הויף״, טייל שפּאַצירען צווישען די בוימער, טייל געהן שלאָפען, אין שטעדטעל פיהלט זיך אַ יודישער יום־טוב!

---

כמעט אַ גאַנצע נאַכט רודערט זיך אין „הויף״, אין די ווינקעלעך שלאָפען אָרימע חסידים, וואָס האָבען נישט צו בעצאָהלען סטאַנציע געלט.

באַלד אין דער פריה זיצען טייל חסידים און זאָגען תהלים, טייל שמועסען; אין צווייטען „הויף״ ליגען אויפ׳ן גראָז אויסגעצויגען בחורים, יונגעלייט און שלאָפען.

וואָס אַ שעה אויפ׳ן טאָג קומען אָן חסידים, פון די אַכסניא׳ס, טייל געהן זיך „מכינ׳ען״ צום „רבינ׳ס הויף״.

אין די „טיי־הייזער״ איז פול, ס׳שטעהן חסידים אויף קעפּ, טייל טרונקען טיי, קאַווע, מילך, דער טומעל מיט די געשרייען זענען שרעקלעך, יעדער וויל פריער, דער אייגענטימער גיט יעדען אָהן „געלט״...

יום־טוב צאָהלט מען נישט, מ׳געטרויט אַלע, חסידים בעצאָהלען. טייל מאָל דערמאַנט דער אייגענטימער: מ׳זאָל נישט פערגעסען מוצאי יום־טוב אריין קומען בעצאָהלען.

דאָס זאָגט ער הינטערען נאָז, ער שעמט זיך.

אויפ׳ן „הויף״ איז שוין דאָ אַנ׳עולם חסידים, טייל שפּאַצירען איבער׳ן „הויף״ אין זיידענע שלאָפראָקען, טייל זיצען אויף דער ערד און לערנען, דאָס קול קלינגט אָפּ אין די אַרומיגע גאַסען.

אין אַלע ווינקעלעך פון „הויף״ זיצען פּאַרטיעס און לערנען, מ׳שפּאַרט זיך, דאָס היימישע קול פון בית־המדרש: אמר אביי — פערקלינגט דעם „הויף״.

דאָס דויערט ביז אַרום צעהנע.

דאָס בית־המדרש ווערט פול, ביידע „הויף״ זענען אָנגעפילט מיט

חסידים מיט טליתים אָנגעטאָן, טייל האַלטען די טליתים אין די הענט' ביים עמוד בעוויזט זיך אַנ'אָנהויבער, מ'שטעלט זיך דאווענען.

א שטאַרק געוויש פון טויזענטער חסידים, דאָס ווידער קול הערט מען איבער'ן גאַנצען שטעדטעל.

ווען דער חזן קומט צו צו „המלך", הערט מען: א הויך לייבען קול ס'פערקלינגט דעם „הויף": ה־מ־ל־ך!

א חברה משוררים העלפען אונטער, לעבעדיג, מ'פיהלט א פערגע־ניגען פון זייער זינגען.

דאָס דאווענען דויערט ביז אַרום 3—4.

נאָכ'ן דאווענען ציגעהט זיך דער עולם איבער'ן שטעדטעל, וויי בעכטען ביי נאכט.

זיי פערפלייצען דאָס שטעדטעל, געהענדיג מיט די טליתים אויף די אַקסלען מיט די שטריימלען, מ'זעהט כמעט נישט קיין שטאָדטישען יוד, די שטאָדטישע ווערען „בטל" ברוב.

קיין פאָליציי זעהט מען נישט, מ'זעהט קיין „גוי" נישט, „ירושלים".

איבער'ן שטעדטעל הערט מען פון אַלע פענסטער: זינגען, געשרייען, דאָס שרייען די חסידים ביים עסען.

באַלד נאָכ'ן עסען, הויבט זיך אָן ציהען א שטראָם חסידים צוריק צום בית המדרש.

דאָס בית המדרש ווערט פול, ביים „טיש" איז שרעקליך ענג ענגער ווי ביי נאכט, אויף די פענסטער, אויף די ווענד, הענגען יונגעלייט בחורים, וואָס ווילען זעהן דעם „טיש".

אַרום „באַלעמער" אויף די סלופעס, אויף די הענגלייכטער, ביז צום באַלקאָן הענגען בחורים, איינע איבער'ן צווייטען, צוגעבונדען מיט גאַרטלען, זיי ווילען זעהען דעם רבינ'ס „טיש".

פאַרנאכט הויבט זיך אָן דער „טיש".

דער רבי קומט אָן; מ'דערלאַנגט: חלות, פיש, ס'ווערט א שושקעריי.

ש־ש־ש־ש׳ באַלד הערט מען דאָס קול פון משמש, ער קאָמאַנדעוועט.
שפּעטער הויבט מען אָן זינגען זמירות. חברה זינגען הויך, ס׳פער־
קלינגט דעם גאַנצן „הויף״.

בײַם טיש שטעהען די חסידישערע יונגעלײַט, די פּראָסטערע
און די עלטערע בעלי־הבתים זיצען אין די שענקען, טרינקען ביער,
מעד, ווײַן.

טויזענטער קענען טרינקען—קריגען אָהן געלד.

אין שענק איז אײַנגעפיהרט: ווער ס׳וויל ביער, צי ווײַן, געהט
צו צום בופעט, זאָגט זײַן נאָמען, און פון וואַנען ער איז; זיצט
א רויטער פעטער יונגערמאַן, שטאַרק פערשוויצט, בײַ א גראָב בוך,
זוכט אויס די שטאָדט אין בוך, נעמט א קוויטעל מיט דעם נאָמען,
שטעקט אַרײַן אין א אויסשניט פון בוך, גיט ארויס קוויטלעך אויף
ביער פאַר עטליכע רובל, שטעקט אַרײַן אין בלאַט א קוויטעל פון
די סומע פון די קוויטלעך, וועלכע דער טרונקער האָט גענומען.

מיט די קוויטלעך קריגט מען בײַם צווייטען בופעט וואָס
מ׳וויל: ביער, מעד, ווײַן.

דער סיסטעם איז אײַנגעפיהרט בײַם שענקער אין „הויף״,
א מקורב פון „הויף״ דאָרט לײַזט מען צום מײַנסטען.

אין אַנדערע שענקען, גיט מען יעדען חסיד, אפילו יונגלעך
אָהן קוויטלעך.

אויפ׳ן „הויף״ שטעהען צעהנדליגער „יונגען״, יודען פון שטאָדט
מיט פעסלעך „לימאָנאַדע״, טײַלען „אומזיסט״ ווער ס׳וויל קאַלטע
„זיס־זויערע־לימאָנאַדע״.

מוצאי יום־טוב שטעהען די זעלבע „יונגען״, און שרײַען: ווער האָט
דאָ געטרונקען יום־טוב זאָל בעצאָהלען! — ווער עס וויל בעצאָהלט...

אין שטאָדט קאָכט. נישטאָ קײַן שטוב ס׳זאָל דאָרט נישט זײַן
קײַן חסידים.

אזוי פיהרט זיך בײַדע טעג יום־טוב.

דעם לעצטען טאָג פארנאַכט, נאָכ'ן טיש, נעמען זיך צונויף חברות יונגעלייט, און געהן טרונקען וויין.

ביי יעדע חברה איז דאָ אַ „גדול": אַ רב, אַ צוקונפטיגער „רבי", אַ „מיוחס" איינער פון „הויף".

זיי זאָגען איבער די „תורות" פון „טיש".

נאָך די „תורות" זינגט מען זמירות, מ'כאַפּט אַ טענציל. איבער די גאַנצע שטאָדט הערט מען זינגען און טאַנצען.

אין בית המדרש נעמען זיך צונויף אַ חברה יונגעלייט, הויבען אָן טאַנצען, ביסלעכווייז ווערט דער ראָד גרעסער, ס'טשעפּען זיך צו נאָך חסידים, דאָס בית המדרש ווערט פול.

דער ראָד איז שוין איבער'ן גאַנצען בית־המדרש, דער שטויב געהט אַרויס פון בית־המדרש, ווי אַ וואָלקען.

דאָס זינגען מיט'ן טאַנצען הערט זיך אויף וויאָרסטען ווייט פון שטאָדט.

אַזוי טאַנצט מען ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין, אָהן אויפהער.

טייל יונגעלייט ווערען ווילד, מאַכען קאָזשילקעס, פע־שאַ־צען די פאָלעס, און טאַנצען ווילד.

נאָך הבדלה הויבט זיך אָן נעבען רבי'נס טהיר'ל אויפ'ן „דויף", ציהען אַ „שורה", דאָס זענען „געזעגענער'ס", סוחרים, וואָס ווילען באַלד אין דער פריה אַהיים פאָהרען.

ביז אַרום 12 ביינאַכט זאַמעלט זיך אָן אַנ'עולם פון אַ צוויי טויזענד חסידים.

נאָך 12־ע דערהערט זיך אַ געוויש פון רבי'נס שטיבעל, די חסידים נעמען זיך שטופּען, דאָס ענגשאַפט איז סכנות. מענשען ווערען שיעור דער'דריקט.

ס'איז נישט צו פערשטעהן — ווי ס'געשעהט נישט קיין אומגליק. 2 משמשים עפענען דאָס טהיר'ל, שרייען מ'זאָל זיך אויסשטעלען אַ שורה, זיי האַלטען 2 גראָבע ליכט, דער רבי געהט אַרויס, הינטער

איהם דער זוהן; דער רבי שטעלט זיך נעבען טהיר׳ל, א גרויסער עולם ארום, די משמשים ארבייטען זעהר שווער, זיי לאָזען דורך א שורה, ס׳ווערט בלויז אָנגעריה־ט דעם רבינ׳ס האַנד, און „זייט געזונט, פאָהר געזונט״, מעהר הערט מען נישט.

עס געהט צו זעהר שנעל, די משמשים לאָזען קיין וואָרט נישט אויסרעדען.

טייל חסידים ווילען עפּיס „מזכיר״ זיין, לאָזען נישט די משמשים, זיי שטופען: „געה שוין, געה!״

ווער ס׳וויל זיך פון דער זייט צושטופען, כאַפּען די משמשים אַראָב דאָס היטעל מיט׳ן קאַפּעל און וואַרפען עס אוועק אויפ׳ן „הויף״.

דאָס געזעגענען דויערט אָב ביז שפעט אין די נאַכט, ביז ארום 4—5 פאַרטאָג.

דער רבי ווערט זעהר מיעד, די משמשים נעמען אריין דעם רבי׳ן, וואָס שטעהט כסדר אויף די פיס. דער רבי איז שטאַרק פערשוויצט, זיי שטופען אָב דעם רעשט עולם — אויף מאָרגען!

דאָס טהיר׳ל ווערט פערמאַכט, דער רבי געהט שלאָפען.

די חסידים, וואָס האָבען זיך געזעגענט, צוצאָהלען זיך אויף די סטאַנציעס, טייל קריגען זיך, טייל פעהלט עפּעס, טייל האָט מען בעגנב׳ט, טייל כאַפּען די פעקלעך אַנטלויפען אומבעצאָהלט, לויפען נאָך די בעלי־אכסניא׳ס צו דער קאָלייקע זיי זוכען; ס׳איז א גרויסער רעש ביי דער ערשטער קאָלייקע, ס׳איז שרעקליך ענג.

די רעשט חסידים פאָהרען אָב א טאָג צוויי נאָך יום־טוב.

דאָס זענען פּראָווינצער, וואָס ווילען אָבגעבען קוויטלעך, שמועסען מיט׳ן רבי׳ן. נאָך יום־טוב פיהלט זיך א פוסטקייט אין „הויף״, איבעריג שטעדט׳ל, ס׳פעהלט דער גרויסער טומעל, די טויזענטער חסידים, וואָס קומען פון גאַנץ פוילען צום גרויסען צדיק דעם „שפת־אמת״ זצ״ל.

## ב.

# „קבלת־התורה".

שבועות. אַ גרויסער עולם חסידים, דאָס בית־המדרש איז פול, דער רבי זיצט בײַם טיש שטאַרק פערשוויצט, דער רבי שײַנט, די „שכינה" רוהט אויף זײַן פנים.

די אויגען ברענען, ווי ליכט. דער ווײַסער שטערן שײַנט, אָנגעטוהען אין נײַע מלבושים, קלאָהר; דער רבי זעהט אויס פרעהליך: מקבל געווען די תורה!

בײַם טיש אַ גרויסער עולם.

דער רבי הויבט אָן זאָגען תורה:

„די גאַנצע תורה איז געגעבען געוואָרען די יודען, אַלס „הכנה" — מכין צו זײַן דאָס הארץ מקבל צו זײַן „אַהבה" מיט „יראָה" פאַר השי"ת".

„דער גאַנצער תכלית פון די תורה, איז נאָר צו פאַררײַכטען דעם נ פ ש, וואָס קומט דורכן כח פון די תורה".

* * *

„איבער דעם האָט מען מתקן געווען שבועות צו לערנען „רות", צו ווײַזען: אַז לא המדרש עיקר, רק המעשה": נישט דאָס לערנען איז דער עיקר, נאָר די מעשים, דאָס מקיים זײַן די תורה בפועל".

„און דורך דעם, וואָס אַ יוד איז עוסק אין תורה, קען ער דער-נאָך מקיים זיין די תורה". און „רות" ווייזט, ווי אַזוי מ'דאַרף מקיים זיין די תורה בפועל: לאָזן נעמען „לקט, שכחה ופאה". „מייבם זיין אַ יבמה!" ...

נאָכ'ן טיש זענען די יונגעלייט אַוועק פרעהליך, אָנגעהויבען אויסטייטשען די „תורה" יעדער אויף זיין שטייגער.

אַיי איז דאָס געווען אַ שבועות!

אַ אמת'ער „קבלת התורה!"

## ג.

# ואָהבת לרעך כמוך.

שבת פרשת קדושים, האָט דער „שפת אמת" זצ"ל, אויפן פסוק: „ואָהבת לרעך כמוך" (זאָלסט ליעב האָבען דיין חבר, ווי זיך אַליין) געזאָגט זעהר א גוטען פשט:

„די גמרא זאָגט אויף דעם פסוק: אז ר' עקיבא האָט צוגעגעבען צו דעם פסוק א פשט: זה כלל גדול בתורה", אז א מענש האָט ליעב זיין חבר, ווי זיך אַליין, איז דאָס גלייך ווי ער איז מקיים די גאַנצע תורה, אין דער מצוה ליעגט די גאַנצע תורה".

---

„בן עזאי זאָגט: אז דער פסוק איז א „ספר תולדות אָדם", אז דאָס איז די גאַנצע לעהרע פון מענש, קיין גרעסערער כלל איז שוין נישטאָ".

„ווייל די מצוה איז דער עיקר קיום התורה", דורך דעם כלל: ואָהבת לרעך כמוך, איז מען זוכה צו קדושה". „דערום דאַרף מען מקיים זיין די מצוה פאַר אַלע יודענ'ס ווגען, כדי זיך מבטל צו מאַכען פאַרן כלל".

„און דאָס מיינט רבי עקיבא: „כלל גדול" — כלל ישראל". און בן עזאי לעגט צו, אז דאָס איז א „ספר תולדות אָדם", מיינט ער, אז מ'דאַרף כולל זיין כל הדורות, וכל העולם".

„יעדער מענש איז אַ עולם קטן, אַז מ׳האָט ליעב זיך — האָט מען ליעב די גאַנצע וועלט".

„אַז מ׳האָט ליעב דעם חבר ווי זיך — האָט מען צוגעצויגען די אהבה אויף די גאַנצע וועלט, ממילא געהט אַרויף די קדושה אויף אַלע יודען".

„טהוט מען מיט די מצוה אַ נחת־רוח — השי״ת.

„און מיט דעם כח פון די מצוה — ווערט די גאַנצע וועלט גע־לייטערט".

„וועלכע מצוה איז דען גרעסער — ווי ליעב האָבען דעם צווייטען ווי זיך"?

„די גאַנצע תורה, אַלע מצוות „שבין אדם לחברו", זענען געבונ־דען מיט די מצוה: גניבה, גזילה, רציחה, ניאוף, נקמה, רכילות, שקר— אַלץ איז אין דעם כלל פון ואהבת לרעך כמוך".

דערום זאָגען די חכמים, אַז די פרשת קדושים איז געזאָגט גע־וואָרען בקהל, צו ווייזען: אַז מיט דעם וואָס מ׳האָט ליעב אַ צווייטען ווי זיך: איז מען ממשיך די קדושה אויפ׳ן כלל ישראל!...

## ד.

# „עולם־הזה".

„די חכמים זאָגען: אַז די וועלט איז געגליכען צו אַ פאָדער־הויז פאַר די עולם־הבא".

ס'איז פאַרהאַן אַ מדרש: „יפה שעה אחת בתשובה, ומעשים־טובים — מחיי עולם־הבא".

ס'איז בעסער איין שעה אין תשובה מיט גוטע מעשים — ווי די גאַנצע וועלט עולם־הבא"...

מיט וואָס איז פערענטפערט דער ערשטער דרש: אַז די וועלט איז געגליכען צו אַ פאָדער־הויז פאַר די עולם־הבא, אַ מעהר איין שעה תשובה — האָט דאָך מעהר ווערט ווי די גאַנצע עולם־הבא? האָט געפרעגט דער „שפת אמת" זצ"ל.

די חסידים האָבען גאָר נישט געענטפערט. נאָכהער האָט דער רבי פערענטפערט די קשיה:

„באמת איז טאַקי אין די עולם־הזה — אויך דאָ אַ שטיקעל עולם־הבא, דאָס זעהט מען נישט אָן, די עולם־הבא איז בעהאַלטען; דאָס קען מען נישט דערקענען. צו דעם מוז מען פריער תשובה טוען, אַרויס רייסען פון זיך די „תאוות־העולם", זיך דערנעהנטער'ן צו די שכינה כביכול; דאַן איז די וועלט די אַלע תענוגי עולם־הזה, נישט מעהר ווי אַ פרוזדור, אַ פאָדער־הויז צו די עולם־הבא".

ווייל די אויסערליכע פערגעניגענס וואָס אַ מענש האָט, זענען

נישט מעהר ווי אָבגענאַרט; מ׳עסט זיך אָן, וואָס האָט מען דער פון?—
בשעת מעשה דאַכט זיך: ס׳איז זיס, ס׳איז פעט, נאַכהער ווערט דער
פון גאָר נישט.

צו אַנדערע פערגעניגענס, וואָס זענען זיי? — אַלץ רגע׳ס. בשעת
מעשה דאַכט זיך — ס׳איז גוט, זיי פערשוואונדען ווי אַ רויך.

אויף צו מאָרגענס, צי אין אַ שעה אַרום, פאַרגעסט מען זיי, און
ס׳ווילט זיך ווייטער.

אָבער אַז אַ מענש טהוט תשובה, ער פערגעסט די תענוגי עולם־
הזה, ער איז זיך מתדבק מיט גאָט, הייבט ער אָן פיהלען אַ נחת־רוח,
וואָס איז טויזענטער מאָל בעסער ווי אַלע תענוגי עולם־הזה.

דאָס מיינען די חכמים, אַז די וועלט איז נאָר אַ פאָ[illegible]־הויז,
אַז אַפילו דו טהוסט תשובה, און ס׳ענטפלעקט זיך פאַר דיר דער „אור
הגנוז״ — איז דאָס נישט מעהר ווי אַ פרוזדור, מ׳מוז זיך פריער אויס-
טוהן פון די וועלט, פון די גשמיות, דאַן ווערט נתגלה דאָס פנימיות,
די שכינה; דער „אור הגנוז״.

קען מען שפעטער צוקומען צו עולם־הבא!

## ה.

# „כהן כי יקנה נפש".

דער „שפת־אמת" זצ"ל, איז געקומען צום פסוק: „כהן כי יקנה נפש", האָט ער געפרעגט: אז אַ כהן האָט געקויפט אַ נפש, אַ ערל, מעג דער עבד עסען תרומה.

און אַ ישראל, אפילו ער איז דער הייליגסטער, טאָר ער קיין תרומה נישט עסען.

— פאַר וואָס איז עס טאַקי אַזוי?

האָט דער „שפת־אמת" זצ"ל גוט פערענטפערט:

„באמת" פערשטעהט מען פראָכט: אַ עבד וויל ער ווערט בטל אין גאַנצען צום כהן, איז ער גלייך צו די בהמות זיינע, מעג ער עסען תרומה.

אָבער אַ ישראל, קען דאָך נישט בטל ווערען אין גאַנצען צום כהן, טאָר ער קיין תרומה נישט עסען".

---

דאָס איז על־פי פשט, פיהרט אויס דער „שפת-אמת" זצ"ל; פון דעם קען מען זיך אראָב לערנען: אַז דער גוף מיט דער נשמה, וואָס ביידע זענען צוזאַמען; „ווערט די נשמה געשפייזט פון הימעל, און דער דער גוף פון די ערד". „אַז דער גוף איז זיך מבטל צו די נשמה", ווערט דער גוף אויך געשפייזט מיט די זעלבע שפייז פון הימעל —

ווי די בני ישראל אין דער מדבר זענען געשפייזט געוואָרען 40 יאָהר. און אַז דער גוף איז זיך נישט מבטל צו די נשמה — מוז זיך דער גוף אַליין מפרנס זיין!...

דאָס זעלבע איז מיט אַלע יודען:

באמת געהערען אַלע יודען צו גאָט, מיר זענען אַלע גאָט׳ס עבדים, א „קנין־עולם״, על־פי־דין — וואָלטען די יודען בעדאַרפט געשפייזט ווערען פון „הימעל״.

נאָר, פיהרט אויס דער רבי זצ״ל — מיר זינדיגען, וויל אונז גאָט נישט האָבען פאַר קיין עבדים, מוזען מיר זיך אַליין מפרנס זיין!...

ו.

# אויפ'ן וועג קיין גער.

א פאר וואכען פאר ראש־השנה, האבען זיך די יונגעלייט פון שטעטיל וו. געגרייט צו די נסיעה קיין גער.

די לעצטע וואך פאר ראש־השנה זונטאג, האבען זיי געדונגען א אמניבוס, מיט דריי פערד; א מאן 20 האבען זיך געקענט אהין ארייגזעצען; דער פוהרמאן אן׳עלטערער יוד א הוסער האט זיי צוגעזאגט: געשווינדער; ס׳ווערט באלד נאכט.

ביסלעכווייז האבען זיך צונויפגעזאמעלט די חברה, ווער מיט א גרעסער פעקעל, ווער מיט א קלענער׳ס, טייל זענען ארויסגעגאנגען הינטער די שטאט, דער אמניבוס האט זיך גערירט.

נאך די שטאדט, האבען זיך אלע איינגעזעצט, דער פוהרמאן איז ארויף די קעלניע, עטליכע יונגעלייט זענען אויך געפאחרען אויף די קעלניע, ער האט גענומען די לייטשעס אין האנד -- און וויא!

אזוי זענען זיי אבגעפאהרען א שעה, אנדערהאלבען. זיי זענען צוגעקומען צו א דארף, נעבען א ברונען, דער פוהרמאן האט זיך געשטעלט אנטרונקען די פערד. די יונגעלייט זענען ארויס פון אמניבוס.

קלענערע שקצים זענען צוגעקומען, א שגץ האט ארייגעווארפען א שטיינדיל, א חסיד האט גענומען שרייען, דער פוהרמאן האט מיט דער בייטש די שקצים אוועק געיאגט.

די יונגעלייט האבען געדאווענט מנחה.

נאָך מנחה, האָט דער פוהרמאַן געהייסען איינזיצען, זיי זענען ווייטער געפאָהרען.

דער פוהרמאַן איז געפאָהרען פּאַמעלעך, בארג אַרויף. אַזוי זענען זיי אָבגעפאָהרען ביז אַרום 10־ע ביינאַכט. זענען זיי אַריינגעקומען אין שטעטיל, ק.

די יונגעלייט האָבען געהייסען זיך שטעלען, זיי האָבען בעשלאָסען דאָ נעכטיגען, דער פוהרמאַן האָט נישט געוואָלט, די יונגעלייט האָבען איינגעפיהרט.

דער פוהרמאַן איז פאַרפאָהרען פאַר'ן גערער שטיבעל, אַהין האָבען די אַריינגענומען אַלע פּעקלעך, זיך אָבגערוהט, נאָכהער געדאַוועט מעריב מיט מנין; שפּעטער געשיקט נאָך בראָנפען, די שטאָדטישע יונגעלייט זענען זיך צונויפגעקומען. מ'האָט געמאַכט אַ חסידישע וויעטשערע.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהוליעט, אויף צומאָרגענס אין דער פריה, האָבען זיי אָבגעדאַוועט, איבערגעביסען; דער פוהרמאַן איז אַרויסגעפאָהרען צום שאָסיי, דאָרט האָט ער בעקוקט די רעדער, צוגעפאָהרען צו אַ קאָוואַל, פאַריכט אַ פּאָדקאָוואַ, ביסלעכווייז זענען זיך צונויפגעקומען די יונגעלייט.

דער פוהרמאַן פרעגט: שוין אַלע דאָ?

— אַלע, ענטפערט אַ יונגעל.

— ניין, שרייט אַ יונגערמאַן, ס'פעהלט נאָך: איטשע מאיר.

— ער דאַווענט אַצינד, ער איז געווען אין מקוה; שרייט אַ צווייטער. דער פוהרמאַן וויל איהם איבערלאָזען, חברה לאָזען נישט.

דער פוהרמאַן בייזערט זיך: שוין באַלד 12־ע, אַ גאַנצע וואָך וועל איך מיט אייך פאָהרען!

אַ יונגערמאַן איז געלאָפען צוריק אין שטיבעל אַריין, און נאָך אַ שעה וואַרטען, האָט ער געבראַכט איטשע מאיר'ן.

די חברה האָבען זיך אויף איהם געבייזערט: וואָס מיינסטו,

כ׳וועט אויף דיר אזוי לאנג ווארטען? מ׳האט דיך געוואלט איבערלאזען

דער פוהרמאן האט געהייסען איינזיצען.

טייל יונגעלייט זענען אוועק צופיס, בארג ארויף, און דער פוהרמאן האט גענומען פאהרען.

אפשר א ווי‏ארסט זענען זיי אבגעפאהרען, האט דער פוהרמאן אב־געשטעלט דעם אמניבוס, אראב צום ווייסען פערד, גענומען עס קוקען אין די אויגען אריין.

אין אמניבוס האבען זיי נישט געוואוסט וואס דא איז געשעהן.

די וואס זענען געזעסען אויף די קעלניע זענען אראב, געהאל־פען דעם פוהרמאן אויסשפאנען דאס ווייסע פערד.

א יונגערמאן איז צו צום טהיר׳ל, געהייסען אלע ארויס געהן, זיי זענען צו צום פוהרמאן פרעגען: וואס איז געשעהן?

דער פוהרמאן האט זיי ערקלערט: דאס ווייסע פערד איז קראנק. דער פוהרמאן האט גענומען קרעכצען, געווישט מיט׳ן ארבעל דאס פערד איבער׳ן קאפ, דאס פערד איז געשטאנען אראבגעלאזט דעם קאפ שטארק פארקלערט.

דער פוהרמאן האט זיך געפארעט, געריבען דאס פערד די זייטען, אונטערגעהויבען דעם עק, אוועקגעיאגט די פליגען; ער האט גענומען א קובעל געגאנגען ברענגען וואסער פון א ראוו.

ער האט געפרובט דאס פערד געבען צו טרינקען, ס׳האט נישט געוואלט טרינקען.

דער פוהרמאן ווערט בלאס, ער הויבט אן קרעכצען: שלעכט. נישט גוט, ווער ווייסט, וואס דעם פערד איז, כ׳וועל עס נישט פאר־דינען אין די „יאזדע״, וואס דאס פערד קאסט...

די יונגעלייט האבען מיטגעקרעכצט, דער פוהרמאן האט איינגע־שפאנט א געזונד פערד, ארייגעריסען צוריק אין שטאדט.

די חסידים האט ער געהייסען אכטונג געבען אויפ׳ן „חולה״ זיין יונגערמאן, א פראסטערער, האט גענומען דאס קראנקע פערד.

צוגעפיהרט צום „ראָוו״, געפרובט עס געבען עסען גראָז.

דאָס פערד שטעהט קוים אויף די פיס, ס׳וויל נישט עסען. טייל יונגעלייט האָבען זיך צוזעצט אויפ׳ן גראָז, גענומען לערנען, עטלי׳ ע זענען אַוועק ווייטער.

איין יונגערמאַן איז נעגאַנגען רייסען „יענגאַלקעס״. אפשר אַ שעה האָט געדויערט ביז דער פוהרמאַן איז צוריקגעקומען, ער האָט מיט געברענגט אַנ׳עלטערן יוד, אַ „מומחה״.

דער „מומחה״ האָט מיטגעברענגט אַ רעצעפּט, ער האָט גענומען דאָס קראַנקע פערד ראַטעווען: אָבגעוואַשען עס מיט וואַסער, געגעבען עס אַ לעפעל צולאָזט זאַלץ, נאַכהער האָט דער „מומחה״ גענומען מאַכען אַ „צעפּעל״ די יונגעלייט זענען געזעסען, און זיך צוגעקוקט.

דאָס קראַנקע פערד האָט זיך אַנידערגעלעגט. דער פוהרמאַן איז געשטאַנען און געוויינט.

דער „מומחה״ האָט געטהון זיין אַרבייט: ער האָט דאָס פערד געמאַכט אַ „צעפּעל״.

דאָס פערד האָט גענומען שפּרינגען, דער פוהרמאַן איז צוגעלאָפען צום פערד, ווי צו אַ קראַנק קינד: גענומען עס גלעטען, רייבען עס דעם שטערן, דאָס פערד איז געשפּרינגען, געלאָפען, דער „מומחה״ האָט זיך נישט געמאַכט דערפון: שאַט נישט, ס׳וועט באַלד בעסער ווערען!

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, דאָס פערד האָט גענומען „אַרויסגעבען״, וואָס האָט געגעסען פאַר אַ יאָהרען...

דער פוהרמאַן האָט גענומען זאָגען תהלים, געשריגען אויף די חסידים: אַלץ צוליעב אייך, כ׳וועל אומגליקליך ווערען!...

אַ פרומער יונגערמאַן איז געשטאַנען און געזאָגט שטיל תהלים, אַנדערע יונגעלייט זענען געוואָרען בייז אויפ׳ן פוהרמאַן, און גענומען שרייען: ביזט אַ שלימזל, ווער האָט דיר געהייסען מיטנעמען געפגר׳טע פערד? דאָס האָט אָבגעדויערט אַ פאָר שעה.

דאָס פערד איז געבליבען ליגען אָהן כחות, מ׳האָט געמיינט

ס'כגר'ס, דער „מומחה" איז אוועק אין שטאָט אריין, געברענגט אַ גאַנץ קעסטיל רפואות: פלעשלעך, פידעלעך, און גענומען צורעכט מאַכען אין אַ טעפּעל, אַ „רפואה" פאַר'ן פערד, און עס אייגעגעבען.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, דאָס פערד האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען פרעסען גראָז...

דער „מומחה" האָט גענומען שרייען: מזל טוב, מזל טוב!

— יודען, כ'האָב „מחיה-מתים" געווען אַ „פגר".

דער פוהרמאַן האָט דעם „מומחה" בעצאָהלט, צוגעוואונשען איהם אריכות ימים, און צוריק איינגעשפאַנט די דריי פערד.

די יונגעלייט זענען צוריק אַריין אין אָמניבוס, אַ טייל יונגעלייט זענען שוין געווען עטליכע וויאָרסט ווייט פון דאַנען.

דער פוהרמאַן האָט געהייסען אויף זיצען, ער האָט גענומען פאָהרען פאַמעלעך, געקוקט אויפ'ן „חולה".

זיי זענען כאַרפאָהרען ביז פאַרטאָג קיין נ. מ. דאָ האָט מען זיך געשטעלט, געגאַנגען דאַווענען, איבערגעביסען, און אַרום צוועלעווע ביי־טאָג זענען זיי געפאָהרען ווייטער.

ביינאַכט האָבען זיי גענעכטיגט אין „באַרג" (אזא קרעטשמע) דאָרט שטעלען זיך אַלע פוהרמאַנעס, די יונגעלייט זענען אַריין אין קרעטשמע, געדאַווענט מעריב, געגעסען וויעטשערע.

טייל יונגעלייט האָבען געטרונקען בראָנפען, פאַרביסען, און נאָך די וויעטשערע ווייטער געפאָהרען.

אויף צו מאָרגענס זענען זיי געקומען קיין וואַרשא. דאָ זענען זיי געשטאַנען אַ גאַנצע טאָג, טייל זענען אַוועק צו בעקאַנטע, טייל אין די הסידים-שטיבלעך, טייל איינקויפען סחורה פאַר די ווייבער, און אַ היים געשיקט.

פאַרנאַכט, זענען זיך אַלע יונגעלייט צונויפגעקומען אין „זאַיאַזד", צוגעגאַנגען צום פוהרמאַן און געהייסען פאָהרען קיין גער. דער פוהרמאַן איז געווען בייז: אַ גאַנצע וואָך דויערט שוין די „יאַזדע".

מאָרגען איז ערב ראש השנה, ווען וועט ער אהיים פאָהרען, ער האָט געוואָלט חוזר זיין פון די גאַנצע „יאַזדע".

די יונגעלייט האָבען איהם נישט געוואָלט בעצאָה״ען, ער האָט געמוזט אריין פאַהרען מיט זיי קיין גער.

שפּעט ביינאַכט זענען זיי אריינגעקומען קיין גער. פונקט צו „זכור ברית".

זיי זענען פאַרפאָהרען פאַר׳ן רבינ׳ס „הויף". אַלע יונגעלייט זענען אראָב, שטאַרק פערשלאָפען, טייל האָבען נישט געהאַט די היטלען, קוים מיט צרות זיי געפונען.

דער פוהרמאַן איז פאַרפאָהרען צו אַ געריער פוהרמאַן, דאָרט אריינגעשטעלט די פערד אין אַ שטאַל און געגאַנגען צו „זכור־ברית".

די יונגעלייט זענען אריין אין בית־המדרש, דאָרט איז געווען נישט זעהר ליכטיג, אַ פּאָר מנינים חסידים זענען געקומען צו „זכור־ברית", דער משמש איז אַרום געגאַנגען אָנצינדען די לאָמפּען, זיי האָבען אוועק געלעגט אַלע פּעקלעך אין איין ווינקעל, און געוואַרט אויף סליחות.

נאָך „זכור־ברית", זענען אַלע יונגעלייט אוועק צו זייער אַלטע סטאַנציע, דאָרט איז מען שוין געשלאָפען, האָבען זיי אויף געוועקט דעם „קראַדניק" (אַזאַ צינעמעניש די געריער בעל־אַכסניא׳ס) אריין געברענגט די פּעקלעך, דער בעל־אכסניא האָט געמאַכט פייער, צוגעגרייט אַ וועטשערע, אויסגעבעטעט געלעגער׳ס, און זיי זענען זעהר געשמאַק געשלאָפען די נאַכט, ביז אַ שטיק אויפ׳ן טאָג.

אין דער פריה האָבען זיי דערזעהן אין שטאָדט אַ גרויסען עולם חסידים, זיי זענען געגאַנגען „שלום"־נעמען, דאָרט אָבגעשטאַנען ביז פאַרנאַכט.

צוריק קומענדיג אויף די סטאַנציע, איז שוין געווען געגרייט דער טיש, אין שטוב האָט געשמעקט: פיש, פלוימען, חלות.

טייל יונגעלייט האָבען זיך געהייסען געבען: פיש מיט קיכלעך

מיט בראָנפען, טייל זענען אַוועק אין מרחץ.

אַ גאַנצען ראש־השנה האָבען זיי שטאַרק געהוליעט.

פלוימען איז אין גער זעהר וואָלוועל, האָבען זיי געגעסען גאַנ־צע שיסלען פלוימען, געקאָכט אין אַ גרויסען טאָפּ, געגעסען מיט קאָכע־לעפעל. דער בעל־אכסניא האָט פארקויפט צו 2 גראָשען אַ קוואַרט גלוימען, האָבען זיי זיך ארום געוואָרפען מיט פלוימען.

זיי האָבען זעהר גוט פארבראַכט דעם ראש־השנה.

2 טעג נאָך ראש־השנה זענען זיי צוריק געפאָהרען מיטן זעל־בען פוהרמאַן.

איי איז דאָס געווען אַ נסיעה!

ז.

## ביי דער ווייכסעל.

גער ליגט איבער די ווייכסעל, אויף אַ באַרג. צוגעהענדיג צו אַ ברעג באַרג זעהט מען די ווייכסעל.

בשעת דעם רבינ'ס בית־המדרש איז אָבגעברענט געוואָרען, האָט מען אויף שבועות געשטעלט אַ „שאָפּע", ועהר אַ גרויסע, ביי אַ גערער גביר אין אַ סאָד.

דער סאָד איז געשטאַנען אויף אַ באַרג, נישט ווייט פון די ווייכ־סעל, דער גאַנצער סאָד איז געווען פול מיט פירות.

די „שאָפּע" איז פארטיג געוואָרען ערב יו"ט, און פאַר.אַכט זענען נאָך געשטאַנען גלעזער'ס אַריין געמאַכט שויבען.

אויף דעם זעלבען שבועות זענען פונקט אָנגעקומען אַ גרויסער עולם חס דים, אַ סך טויזענטער.

דער גאַנצער עולם האָט געראַוועט אין סאָד.

דער ריח איז געווען — אַ ריח גן־עדן.

יום־טוב אין דער פ"יה זענען יונגעלייט, בחורים, יונגעלייט אראָב

מיט'ן הויכען באַרג צו די ווייכסעל זיך באָדען.

אַרויף געהענדיג צוריק אויפ'ן באַרג, איז געווען זעהר שווער: אַ הויכער משופּע'דיגער באַרג. חברה זענען געגאַנגען אַרום און אַרום דורך סטעטשקעס.

אין שטאָדט איז געווען אַ סך אָבגעברענטע הייזער, אויף די גאַנצע גאַס פון פאַר'ן בית־המדרש זענען געשטאַנען קוימענס.

אַ סך חסידים זענען געקומען אויף שבועות, שטאַרק פאַר מרה־שחה'ט; אַזאַ שריפה, אָבגעברענט דעם רבינ'ס בית־המדרש!

נאָר דעם זעלבען שבועות, ווען דער רבי האָט געזאָגט תורה, זענען אַלע חסידים, וואָס זענען געווען ביים טיש, גאָר פרעהליך געוואָרען, מ'האָט גאָר פאַרגעסען אין די שריפה.

אַ סך האָבען מנדר געווען גרויסע סומעס אויף צו שטעלען צוריק דעם רבינ'ס בית־המדרש.

אַ גאַנץ יום־טוב האָט מען געטאַנצט.

מ'האָט שפּאַצירט אין סאָד, זעהר אַ שעהנער סאָד געווען.

דעם לעצטען טאָג שבועות, האָט מען שטאַרק געטאַנצט, מ'האָט שיעור די „שאָפע" צולעגט.

פאַרנאַכט האָט דער רבי ז"ל, אַריינגערופען צו זיך אַ סך מקורבים, און מ'האָט דאָרט געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט.

די חסידים אהיים־פאָהרענדיג זענען אַלע געווען גוט אויף געלעגט, זיי האָבען אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס...

## ח.

# שלוחי מצוה, דוחה את השבת.

דער „שפת־אמת" זצ"ל, האָט נאָך געזאָגט פון חדושי הרי"ם און מדרש: „שלוחי מצוה דוחה את השבת" („אַז מ'שיקט אַ שליח צו אַ דבר־מצוה מעג ער מחלל שבת זיין"):

אז א מענש ווערט געבוירען גיט מען די נשמה מיט א שליחות:
„זאָלסט זיין פרום, זאָלסט זיין גוט, זאָלסט מקיים זיין די תורה, זאָלסט נישט עובר זיין אויף קיין שום לאו".

די נשמה קומט אראָב אויספיהרען איהר שליחות.

ווען די נשמה קומט אריין אין גוף, ווייסט נישט דער גוף פון די שליחות.

אז דער מענש ווערט עלטער, ער קריגט שכל, רוימט איהם איין די נשמה: דו ביזט א שליח!

דו דארפסט אויספיהרען דיין שליחות!

איז דער „גוף" א גוטער, פאָלגט ער די נשמה, טהוט די שליחות, איז ער מצליח וואו ער געהט!...

(ביי גאָט איז די נשמה — וואָס פאָלגט די שליחות, טייערער ווי די נשמות וואָס זיצען אויפ'ן הימעל...)

איז אָבער דער „גוף" א שלעכטער, ער פאָלגט נישט די נשמה: טהוט שלעכט'ס, איז עובר אויף אלע עבירות פון די תורה, הויבט דאן די נשמה אין איהם אָן וויינען: וואָס בין איך שולדיג? מיין „גוף" וויל מיך נישט פאָלגען, איך הייס איהם טהוען גוט'ס: לערנען, היטען יודישקייט, און ער טהוט קאפויער...

אז דער מענטש שטארבט, דער גוף געהט צו די ערד, די נשמה צוריק אין הימעל אריין, קומט די נשמה פאר'ן בית־דין של מעלה, פרעגט מען איהר: האָסט מקיים געווען דיין שליחות? געווענדעט זיך; קומט די נשמה פון א „צדיק" — ענטפערט זי — יאָ! כ'האָב אָבגעהיט אלע מצוות, כ'האָב נישט עובר געווען אויף קיין שום לאו.

געהט זי אין גן עדן אריין!

קומט די נשמה פון א „רשע" — ענטפערט זי — ניין!

— איך בין נישט שולדיג, מיין „גוף" האָט מיר נישט געוואָלט פאָלגען, איך האָב איהם געהייסען טהון גוט'ס, און ער האָט מיר נישט געפאָלגט.

— איך בין נישט שולדיג! וויינט די נשמה.

הייבט מען אן קלערען אפסק פאר די נשמה; קומען גוטע מלאכים און ווילען פערענטפערן די נשמה: זי איז נישט שולדיג, דער „גוף" איז געווען א שלעכטער, ער איז שולדיג!

— ניין, שרייט דער בית־דין של מעלה: „שלוחי מצוה, דוחה את השבת", האט די נשמה געדארפט—אפילו אום שבת מדחה זיין דעם „גוף".

אין גיהנום אריין! די נשמה געהט אוועק פארשהעמט, וואס איז זי שולדיג, דער „גוף" איז געווען א שלעכטער...

## ט.

# מיט'ן „סטאטיק" אהיים.

מוצאי שבועות, אין דרויסען איז זעהר הייס געווען, דער „סטאטיק" האט געלאזט וויסען אין שטאט:

פאר 30 קאפיקעס קען מען פאהרען קיין ווארשא. ער געהט אב האלב פינף אין דערפריה.

ס'רוב ארימע חסידים, האבען בעשלאסען: צוריק פאהרען מיט'ן „סטאטיק".

צו די ווייכסעל צו צוגעהן איז זעהר שווער, הויכע קרומע בערג, שמאלע פארקרימטע סטעטשקעס; באלד פארטאג האט זיך גענומען ציהען כ חנות חסידים מיט פעקלעך אונטערן ארעם, טייל מיט יונגלעך, צו די ווייכסעל.

אראבגעהענדיג פון בארג, האט מען געזעהן; ווי אויפ'ן גאנצען בארג געהן אראב חסידים, ווי מוראשקעס האבען זיי אויסגעזעהן, צו־וואר פען איבער'ן גאנצען בארג, דורך שמאלע קרומע וועגען, זעהר געלאסען, זיי זאלען נישט אראבפאלען.

צוקומענדיג צום ברעג ווייכסעל, האט מען געזעהן שטעהן א „סטאטיק", נישט ווייט פון ברעג, אלע חסידים זענען צוגעלזפען, זיך ארויף געשטופט; ס'איז אנגעקומען א גרויסער עולם. די זון האט זיך

ארויסגעוויזען, זעהר גרויס, ס'האט אויסגעזעהן ס'וועט זיין זעהר א הייסער טאג.

די ווייכסעל איז אבגעפאלען, ס'האט זיך ארויסגעזעהן א סך זאמד.

ווען דער „סטאטיק" איז פול געווארען, האט דער קאפיטאן גע-געבען א סיגנאל, מ'האט אראבגענומען דאס בריקעל פון ברעג, און דער „סטאטיק" איז ארויס אויף די ווייכסעל.

די חסידים זענען א־יין אין די אונטערשטע קאיוטעס, א סך זענען געבליבען אויפ'ן דעק.

אויסער חסידים איז קיינער נישט געפאהרען. די מאטראסען האבען שווער געארבייט ביים רודערען די שיף, בלויז זאמדען אויף די ווייכסעל, זענען זיי געשטאנען, און אבגעשטופט די שיף מיט דרענגער, פון זאמד אוועק.

די חסידים האבען זיך געשטעלט דאווענען. ס'האט זיך געמאכט „מנינים", מ'האט געדאווענט מיט מנין; טייל האבען געזאגט תהלים, טייל געלערנט.

אנ'עלטערער קריסט, האט גענומען ארום געהן פארקויפען בילעטען, ער האט געשוויצט, טייל חסידים האבען נישט געהאט קיין געלט, זיי האבען גענומען בארגען, דער קריסט האט געשריגען, ס'האט אבגעדויערט א פאר שעה די בילעטען פארקויפען.

די שיף איז געפאהרען וואסער אראב, זעהר פאמעלעך, ווייל ס'איז נישט געווען קיין סך וואסער אין די ווייכסעל.

אלע מאל האט זיך די „שיף" געשטעלט, מ'האט נישט געקענט ארויס פון די זאמדען.

די מאטראסען האבען זעהר שווער געארבייט. ארום 10 אין דער פריה איז די „שיף" ארויף אויף א גרויס שטיק זאמד, און די מאשין, מיט אלע מאטראסען האבען די „שיף" נישט געקענט אראבשטופען פון זאמד.

די „שיף" איז געשטאנען עטליכע שעה, מ'האט גאר נישט געקענט העלפען.

טײַל חסידים האָבען גענומען קלערען — אפשר אַרויפגעהן אויף די יבשה? מ'האָט גענומען פרעגען בײַ די מאַטראָסען; וואו איז מען?

די מאַטראָסען האָבען זיך אויסגעלאַכט. אַ סך חסידים זענען אַראָב אויפ'ן זאמד, זײַ האָבען שפּאַצירט, ס'האָט אויסגעזעהן; ווי אויף א אינזעל אין מיט'ן ים...

די וואָס האָבען נישט מיטגעהאַט קײַן עסען, האָבען צוגעהונגערט. דער זײַגער איז געוואָרען דרײַ.

מ'האָט מורא געהאַט מ'זאָל נישט דאַרפען נעכטיגען אויף די „שיף". אַ סיגנאַל צו געבען קײַן וואַרשא איז געווען אוממעגליך. קײַן 2-טע „שיף" האָט מען נישט געזעהן דורכפאָהרען אויף די ווײַכסעל.

דער קאַפּיטאַן האָט געוואָלט שיקען אַ מאַטראָז טעלעפאָנירען קײַן וואַרשא; נאָך אַ צווײַטע „שיף".

מ'האָט געפּרובט נאָך אַמאָל רורען די „שיף", מ'האָט נישט געקענט.

דער קאַפּיטאַן האָט געטרײַסט: פאַרנאַכט, ארום 6-ע, קומט צו די ווײַכסעל, וועלען מיר אָבפאָהרען.

די „שיף" איז געשטאַנען ביז פאַרנאַכט, ס'איז צוגעקומען וואַסער און די „שיף" איז אַראָב פון זאמד. מ'האָט געדאַווענט מנחה, אַ סך חסידים זענען געזעסען אַ גאַנצע טאָג און געלערנט.

אַרום 10-ע בײַנאַכט איז די שיף אָנגעקומען קײַן וואַרשא.

די נסיעה געדענקען אַלע מיטפאָהרער'ס.

אײַ איז דאָס געווען אַ נסיעה, נישט אײַן פאָהרער האָט פון דאַמאָלסט אָן מורא צופאָהרען אויף די ווײַכסעל!...

ז.

# אהבת ישראל.

דער „שפת אמת" זצ"ל, האָט אַמאָל זיך צושמועסט מיט זײַנע הײַמישע וועגען „אהבת ישראל".

האָט דער רבי געזאָגט:

ס'שטעהט: „ואהבת את ה' אלוקיך בכל לבבך".

פרעגען די פילאזאפען:

— ווי אזוי קען מען געבאטען ליב האבען מיט'ן הארץ?

— מ'קען הייסען: תפילין לייגען, היטען שבת, און אנדערע מצוות.

— אבער ליב האבען, ווי אזוי קען מען מצווה זיין אזא מצוה?

האט דער „שפת אמת" זצ"ל געענטפערט:

„אז אזא מענש האט צוצוקומען צו די מצוה — העלפט איהם השי"ת און ער קומט צו".

„באמת געפינט זיך ביי יעדען יוד אין הארץ „אהבת ה'", נאר ס'איז שווער צו דערקענען די „אהבת ה'", דער מענש איז פארטהועען אין עולם הזה, פארגעסט ער „אהבת ה'".

„אבער אז א יוד וויל נאר מקיים זיין „אהבת ה'" — העלפט איהם השי"ת און ער קריגט אריין אין הארץ „אהבת ה'"; און השי"ת זעהט אז מ'האט איהם ליב, האט ער דעם יוד אויך ליב".

און ממילא פיהרט אויס דער שפת אמת זצ"ל: „דורך „אהבת ה'" וואס א יוד ארבייט אין זיך אויס, איז ער ממשיך די „אהבה" אויף כל ישראל".

„וויל יעדער מענש איז דאך א עולם קטן, קומט אויס אז א יוד האט ליב איין יוד האט ער ליב אלע יודען.

דאס פיהרט אויס דער רבי זצ"ל, איז טאקי די גרעסטע מצוה דורך: „ואהבת את ה'" — קומט מען צו צו: „ואהבת לרעך כמוך".

איינס געוועגד זיך אין צווייטען:

„אויב מ'האט נישט ליב השי"ת, קען מען נישט ליבען דעם חבר".

און פארקערט אויך — „אז דו האסט ליב דיין חבר, מוזטו אויך ליב האבען השי"ת".

וויל „אהבת ה'" — מיט „אהבת ישראל" זענען איינס!

„אור יתא, קודשא בריך הוא, וישראל חד הוא".

די תורה און גאט און יודען זענען איינס!

פרײַז 80 גראָשען, מיט פּאָרטאָ 1 זלאָטע.

מיט בעשטעלונגען זיך צו ווענדען:

פסח אלבערט, וואַרשא, אָגראָדאָווע 16, וו. 2.
Wydawca: P. Albert, Warszawa, Ogrodowa 16/2.

# GERER MAJSES
(Opowieści o cadyku z Góry-Kalwarji)

Zebrał i napisał: A GERER CHOSYD.

Warszawa 1924.

Składano u S. Prupesa i I. Zecera Warszawa Leszno 6
Odbito w drukarni I. Hendlera, Warszawa Długa 26.